# פרשת בהעלותך י׳ – ט״ז סיון תשע״ז לפ״ק

***יום ראשון פרשת בהעלותך***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר״ר **יהושע חיים גאלדבערגער** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה איז דא די מצוה פון הדלקת המנורה. און דער פסוק זאגט, וזה מעשה המנורה, און דאס איז די מעשה פון די מנורה, מקשה זהב, עס איז געווען אויסגעקלאפט פון גאלד, עד ירכה עד פרחה מקשה היא, פון די ירך פון די מנורה, ביז די בלומעלעך וואס איז געווען אין די מנורה, אלעס איז געווען מקשה, כמראה אשר הראה ה׳ את משה, כן עשה את המנורה (במדבר ח-ד).

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בפרשתנו לג.) זאגט, אז עס איז ליגט דערין א רמז, די מנורה דאס גייט ארויף אויף חכמת התורה, נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג), די שבעה קני המנורה איז רומז אויף די תורה וואס האט שבעה ספרים. א תלמיד חכם איז מעשה המנורה, ער זיצט און לערנט די תורה. זאגט דער **חתם סופר**, די מעשה המנורה, אויסצוואקסען א תלמיד חכם, קומט מיט אסאך שוועריקייטן. מקשה זהב, עס איז שווער אין פרנסה, די גאלד איז שווער. עד ירכה, מען זאל אויסוואקסען צו ווערן א ירך פון תורה, עד פרחה, צוצוקומען צו די ציצים ופרחים פון תורה, און אז די תורה זאל זיין אזוי ווי א בלום, מקשה היא, דאס איז שווער. כמראה אשר הראה ה׳ את משה, אזוי ווי דער אייבערשטער האט געוויזען פאר משה רבינו ווען ער האט מקבל געווען די תורה, אז ער האט אים ארויפגענומען אין הימל פערציג טאג, וואס לחם לא אכל און מים לא שתה (שמות לד-כח), כן עשה את המנורה, אזוי מאכט מען א מנורה. ווען מען שיידט זיך אפ פון עולם הזה, עס איז מקשה זהב, עד ירכה עד פרחה מקשה היא, דאס איז די מעשה המנורה.

**מען** קען צוגעבן צו די ווערטער פונעם הייליגען **חתם סופר**. מען ווייסט אז מען קען נישט זוכה זיין צו תורה אן קדושת המילה, אזוי שטייט אין **בעלי תוספות** (ריש פ׳ משפטים), אז דער גר האט זיך מגייר געווען, און דער מלך האט אים געפרעגט, פארוואס ער האט זיך געמל׳ט. אויב דו ווילסט לערנען זייער תורה, לערן זייער תורה, אבער פארוואס האסטו זיך געדארפט מל׳ן. האט ער געזאגט, אז אן מילה קען מען נישט זוכה זיין צו תורה, מגיד דבריו ליעקב וגו׳, לא עשה כן לכל גוי, ומשפטים בל ידעום (תהלים קמז-יט), די התחלה פון תורה איז, ווען מען מל׳ט דאס קינד.

**און** נישט נאר די התחלה, נאר די השגות וואס מען האט שפעטער אין תורה, ווענט זיך אויך אין קדושת המילה. ווי מער א מענטש איז זיך מקדש, ווי מער ער איז זיך פורש פון עניני עולם הזה, ער גייט נישט נאך תענוגים, נאר ער איז אלעס מקדש פארן אייבערשטען, ווי מער ער איז אויסגעארבעט אין קדושה, איז זיין השגה אין תורה גרעסער. פונקט ווי די התחלה פון תורה קען א מענטש נישט זוכה זיין נאר דורך מצות מילה, אזוי אויך איז די השגה אין תורה, עס ווענט זיך אין די קדושת המילה וואס א מענטש האט. ווי מער ער שטייגט אין קדושה, איז זיין השגה אין תורה גרעסער. כל העוסק בתורה לשמה, זוכה לדברים הרבה, נעשה כמעין המתגבר, און אזוי ווייטער (אבות ו-א). מען זאגט נישט, אז אויב ער האט א גוטע קאפ, ווערט ער כמעין המתגבר, נאר עס האט צוטון מיט קדושת התורה. ווען מען לערנט תורה ערליך, דעמאלטס ברענגט עס די השפעה פון תורה.

**זאגט** מען, וזה מעשה המנורה מקשה זהב, צו ווערן א מנורה קומט נישט אן גרינג, עס איז מקשה. אבער עד ירכה, ביז מען קומט נישט צו, צו די מצוה וואס איז פארבינדן מיט די ירכה, ווי מען געפונט ביי אברהם אבינו, אז ער האט באשוואוירן אליעזר מיטן ירך, ווייל ער האט געוואלט דערמאנען די מצוה פון מילה (בראשית כד-ב). עד ירכה, ביז מען קומט צו צו די ירכה, אזוי לאנג איז עס מקשה. אבער נאכדעם וואס א מענטש איז זיך מקדש און מטהר, איז שוין די תורה נישט מקשה, די תורה ווערט גרינג.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב עלה **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **יעקב יוסף וויינגארטן** הי"ו, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בציעת הפת סימן קס"ז סעיף ו') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה ווערט דערמאנט די מצוה פון תשובה. איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם, למעול מעל בה', זאגט דער פסוק, והתודו את חטאתם אשר עשו, זיי זאלן זיך מתודה זיין אויף וואס זיי האבן געזינדיגט, והשיב את אשמו בראשו, וחמישיתו יוסף עליו (במדבר ה-ו). דער פסוק רעדט פון איין ספעציעלע עבירה, ער האט גע'גזל'ט געלט פונעם חבר, און ער האט געלייקענט, אז ער האט עס גענומען. און מען האט אים באשווארן דערויף, און ער האט געשווארן פאלש, אז ער האט נישט גענומען דאס געלט. שפעטער ווען ער טוט תשובה, זאגט די תורה, אז ער זאל זיך מתודה זיין אויף וואס ער האט געזינדיגט, והשיב את אשמו בראשו, ער זאל נעמען די קרן, וויפיל געלט ער האט גע'גזל'ט, און ער זאל עס צוריק געבן. וחמישיתו יוסף עליו, און ער איז מחוייב צוצוגעבן נאך א חומש, א פינפטל מער. אויב ער האט גע'גזל'ט הונדערט, דארף ער צוריקגעבן הונדערט און צוואנציג. און נאכדעם שטייט די פרשה פון גזל הגר.

**און** עס דארף האבן א ביאור. די מצוה פון תשובה, והתודו את חטאתם, איז דאך אויף אלע עבירות פון די תורה. פארוואס ווען די תורה שרייבט די מצוה פון תשובה, האט עס די תורה צוגעשטעלט פונקט דא ביי די עבירה פון גזל מיט א שבועה. די ענין פון תשובה איז דאך שייך ביי א יעדע עבירה. - די נגינה אויף והתודו את חטאתם, איז א רביעי אויף והתודו, און אויף את חטאתם אשר עשו, איז דא א זרקא מונח סגול. עס ליגט דאך אין דעם אויך עפעס א ענין.

**דער** פסוק (תהלים כד-א) זאגט, לה' הארץ ומלואה, דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, אלעס געהער פארן רבונו של עולם. פרעגט די גמרא (ברכות לה.), עס שטייט דאך אין פסוק (תהלים קטו-טז), והארץ נתן לבני אדם. ענטפערט די גמרא, כאן קודם ברכה כאן לאחר ברכה, דער אייבערשטער זאגט, עס איז מיינס, לה' הארץ ומלואה, אבער אויב דו וועסט מאכן א ברכה אויף דעם וואס דו עסט, געב איך עס דיר אוועק, און דו מעגסט עס עסן. זאגט די גמרא, ווען איינער עסט אן א ברכה, איז כאילו גוזל להקב"ה, ער האט צוגע'גזל'ט פונעם אייבערשטען. אלעס געהער פארן באשעפער, און דער באשעפער האט עס דיר נישט געגעבן, נאר ווען דו מאכסט דערויף א ברכה. קומט אויס, אז יעדע זאך וואס די תורה האט גע'אסר'ט, די תורה זאגט אז מען טאר נישט, און א מענטש איז יא נהנה פון דעם, איז עס א ענין פון גזל. עס איז דעם אייבערשטענס, לה' הארץ ומלואה, אלעס איז זיינס, און אז ער האט דיר נישט געגעבן קיין רשות עס צו נעמען, קומט אויס, אז דו האסט צוגע'גזל'ט א זאך פונעם רבונו של עולם. אזוי ווי יעדער מענטש פארשטייט, אז ווען ער גייט אריין צו יענעם אין שטוב, איז ער א גאסט דארט, און וואס מען גיט אים רשות צו נעמען דאס קען ער נעמען, און וואס מען גיט אים נישט קיין רשות צו נעמען איז גזל, אזוי אויך א מענטש וואס געפונט זיך אויף די וועלט, עס איז עולמו של הקב"ה, עס איז דא א בעל הבית אויף די וועלט, און וואס דער אייבערשטער האט נישט געגעבן, איז גזל.

**און** עס איז נישט נאר גזל אליין, נאר עס איז גזל מיט א שבועה. ווען א מענטש קומט אראפ אויף די וועלט, משביעין אותו, טוט מען אים משביע זיין, תהי צדיק ואל תהי רשע (נדה ל:). כי לי תכרע כל ברך תשבע כל לשון (ישעיה מה-כג), יעדע מענטש האט געשווארן א שבועה, אז ער וועט זיין ערליך. קומט אויס, אז ווען א מענטש טוט א עבירה, ער נעמט א הנאה פון די וועלט אן דעם וואס ער האט באקומען א היתר דערויף פונעם אייבערשטען אז ער קען עס

נעמען, איז עס א בחינה פון גזל. דו האסט צוגע'גזל'ט א הנאה פונעם רבונו של עולם'ס וועלט. און עס איז גזל מיט א שבועה, ער האט עובר געווען אויף די שבועה פון תהי צדיק ואל תהי רשע.

**ווען** די תורה האט געוואלט וויזען די הארבקייט פון א עבירה, און געבן די מצוה פון תשובה, אז מען דארף תשובה טון, האט עס די תורה מסמיך געווען צו גזל מיט א שבועה, צו וויזען אז ביי א יעדע עבירה וואס א מענטש טוט, רירט עס אן צו גזל מיט א שבועה. און די תורה זאגט, אז די וועג ווי אזוי מען קען עס מכפר זיין, איז והתודו את חטאתם, מען זאל תשובה טון.

*

**אויף** די מצוה פון תשובה, זאגט דער פסוק (דברים ל-יא) כי המצוה הזאת וגו' לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא וגו', כי קרוב אליך הדבר מאד, בפיך ובלבבך לעשותו. כדי צו טון תשובה, דארף מען גארנישט טון, מען דארף נאר טראכטן, חרטה האבן אויף וואס מען האט געטון, און מקבל זיין אז פון היינט און ווייטער וועט מען גיין אויפן ריכטיגן וועג. דאס ווערט אנגערופן תשובה, און עס ווערט נתכפר דער חטא וואס מען האט געזינדיגט.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, כרחוק מזרח ממערב, הרחיק ממנו את פשעינו (תהלים קג-יב), ווען א מענטש שטייט מיטן פנים צו מזרח, און ער דרייט זיך אויס צו מערב, מיט איין דריי, איז ער שוין אויף מערב זייט. אזוי ווי עס איז ווייט, א מענטש וואס דרייט זיך אויס פון מזרח אויף מערב, אזוי קען א מענטש זיך מרחק זיין פון זיין חטא. ער האט געזינדיגט, ער האט חרטה, ער גיט זיך א דריי אויס, ער טוט תשובה, ווערט נתקבל די תשובה.

**עס** שטייט אין די גמרא (קידושין מט:) אז אויב איינער האט געגעבן קידושין פאר זיין ווייב, און ער האט זיך אויסגענומען על מנת שאני צדיק, און שפעטער ווערט מען געוואר אז ער איז א רשע גמור, זאגט די גמרא, אז זי איז מקודשת. שמא הרהר תשובה בלבו, אפשר האט ער מהרהר געווען אין תשובה ביי די קידושין. עס א פלא'דיגע הלכה, דא איז דא א מיידל, וואס וויל א שידוך טון, און זי וויל נאר נעמען א יונגערמאן וואס איז א צדיק, א ערליכער, און טאמער ער איז נישט א ערליכער, וויל זי נישט דעם שידוך. אפשר וועט זי געוואר ווערן שפעטער אז ער איז נישט א ערליכער, זאגט זי, איך בין גרייט צו נעמען קידושין מיט א תנאי, זאג מיר צו, אז דו ביסט ערליך, און טאמער דו ביסט נישט ערליך, וויל איך נישט אז די קידושין זאל חל זיין. שפעטער ווערט מען געוואר אז ער איז א רשע גמור, זאגט מען, אז זי איז מקודשת, זי קען נישט ארויסגיין פון אים אן א גט, שמא הרהר תשובה בלבו, אפשר האט ער מהרהר געווען בתשובה, און ער האט דעם דין ווי א צדיק גמור. - אין די פוסקים (**רא"ש** סימן י"ד) שטייט שוין, אז עס איז נישט קיין קידושין ודאי, עס איז נאר 'שמא' הרהר תשובה בלבו, אבער עס קען זיין אז ער האט נישט מהרהר געווען בתשובה, איז דאך די קידושין נישט חל, אבער א ספק קידושין איז עס, זי קען נישט ארויסגיין אנדעם וואס זי באקומט א גט.

**שטעלן** זיך די ראשונים דארט, ווי אזוי קען זיין אז ער איז א צדיק, ווייל שמא הרהר תשובה בלבו, אין די גמרא (יומא פה:) שטייט, אז עס איז דא ד' חילוקי כפרה. אויף א עשה ווערט מען מכופר מיט תשובה, אויף א לא תעשה דארף זיין יום כיפור, אויף כריתות ומיתות בית דין דארף זיין יסורין, אויף חילול ה' איז יום המיתה מכפר, עס גייט נישט אזוי, אז נאר מיט תשובה ווערט אלעס מכופר, עס איז דא פיר חלקים אין תשובה. און מען רעדט דאך דא פון א רשע גמור, האט ער דאך געזינדיגט מיט אנדערע עבירות אויך, איז אפילו ער האט מהרהר געווען בתשובה, איז אבער נאר מכופר געווארן געווארן אלע זיינע עשין, אבער וואס טוט זיך מיט זיינע לא תעשה'ס, און זיינע כריתות און מיתות בית דין וואס ער האט עובר געווען, וואס איז נישט מכופר געווארן.

**שטייט** אין די ראשונים (**אור זרוע הל' שליח צבור סימן** קי"ב), אז אויף תשובה איז נישט דא קיין חילוקים. ווען א מענטש טוט תשובה, מיט די הרהור תשובה אליין, האט ער מכפר געווען אלע סארט חטאים, אפילו כריתות און מיתות בית דין. נאר אזוי ווי ער האט געזינדיגט מיט א הארבע עבירה, און אויף דעם איז דא א עונש, א פורעניות וואס איז חל

געוואר אויף אים בשעת ער האט געזינדיגט, כדי אוועק צונעמען, ממרק צו זיין, אלע פגמים און אלע פורעניות, מוז נאך זיין אנדערע זאכן אויך אויסער תשובה. אבער א צדיק ווערט ער אנגערופן תיכף ווען ער האט מהרהר געווען בתשובה. ער האט געמאכט א תנאי על מנת שאני צדיק גמור, אויב האט ער מהרהר געווען בתשובה, איז ער א צדיק גמור. איי ער דארף נאך אדורכגיין אנדערע זאכן, עס מוז נאך זיין א יום כיפור אפצומעקן די עבירות, דאס איז נאר עס אפצומעקן, אבער די טיטל צדיק באקומט ער מיט תשובה אליין.

**קומט** אויס, אז תשובה איז א זאך וואס האט נאר צוטון מיט די מחשבה, מיטן קאפ. ווען א מענטש איז מהרהר בתשובה, ער האט חרטה אויף וואס ער האט געטון, ער איז מקבל צו גיין אויפן ריכטיגן וועג, ווערט נתקבל די תשובה. זאגט דער פסוק, 'והתודו את חטאתם אשר עשו', זיי זאלן מתודה זיין אויף דעם חטא וואס מען האט געזינדיגט, 'והשיב את אשמו', ער קען צוריקקערן זיין זינד וואס ער האט געזינדיגט, 'בראשו', מיט זיין קאפ. ער דארף גארנישט טון דערצו, נאר מיט די מחשבה בראשו, קען א מענטש משיב זיין אשמו. קומט אויף דעם די נגינה און עס זאגט, ווי אזוי זאגסטו והשיב את אשמו בראשו, אז עס קען אראפגיין מיט א מחשבה, עס איז דאך 'רביעי', עס איז דא ארבעה חילוקי כפרה. זאגט מען, ניין. והשיב את אשמו בראשו, די תשובה ווערט נתכפר תיכף מיט א הרהור תשובה בראשו, און 'זרקא מונח סגול', די אנדערע דריי חלקים וואס איז דא נאך תשובה, דאס גייט מען לייגן אין די זייט. מען מוז דאס טאקע אדורכגיין, אבער עס האט נישט צוטון מיט די תשובה. כאטש עס איז והתודו, עס איז דא פיר חילוקי כפרה, איז עס נאר אין די כפרה, אבער עס האט נישט צוטון מיט תשובה. תשובה איז והשיב את אשמו בראשו, מיט דעם קאפ אליין וואס א מענטש איז מהרהר בתשובה, ווערט אים נמחל דער חטא.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל התנאים של בת הר"ר **מרדכי נאה** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **בנציון בירנבוים** הי"ו, שהתקיים באולם פאפא קידוש זאל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן ש"ב הרב **הערש לייב פאללאק** שליט"א (בן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א) שהתקיים באולם שמח תשמח.

*

***יום שני פרשת בהעלותך***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **יוסף זיכערמאן** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת הילולא של זקינו **הגה"ק משאמלויא זי"ע הי"ד**, שהתקיים בבית המדרש אבן שלמה שאמלויא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **אברהם יודא האפפמאנן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יוחנן צענווירטה** הי"ו, שהתקיים באולם פאפא קידוש זאל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום שלישי פרשת בהעלותך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הבחור **אברהם שלמה פאפלאנאש** נ"ו, בן הרב **בנימין פאפלאנאש** שליט"א, שהתקיים באולם בעדפארד פאראדייס, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**בהעלותך** את הנרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות (במדבר ח-ב), די מצוה פון די מנורה

איז געווען, אז ווען מען האט אנגעצינדען די נרות, האט מען עס געדארפט אנצינדען פון די נר המערבי, וואס איז געבליבן ברענען די לענגסטע. אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, אלע נרות האבן זיך געדארפט בייגן צו די מיטלסדיגע נר. יעדע מצוה פארמאגט אין זיך עפעס א לימוד וואס לערנט אונז אין עבודת ה'.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז די מנורה איז א רמז אויף עלטערן און קינדער. די מיטלסדיגע חלק פון די מנורה, דאס ווערט אנגערופן די מנורה. און נאכדעם איז דא די קני המנורה, די ראָרן וואס קומען ארויס פון די מנורה, וואס איז א רמז אויף די קינדער וואס עלטערן שטעלן אויף. ווען מען איז מחנך ערליכע דורות, דארפן די קינדער וויסן, אז מען דארף גיין על דרך ישראל סבא, מען טאר זיך נישט אוועקריקן פון די וועגן פון די עלטערן. די ווארימקייט וואס מען זעהט ביי די עלטערן אין שטוב, דאס דארפן די קינדער מיטנעמען מיט זיך אויף שפעטער. און פון די אנדערע זייט, דארפן קינדער שטענדיג ארויפקוקן אויף די עלטערן, שטענדיג נאכגיין זייערע וועגן, מתי יגיע מעשי למעשי אבותי.

**די** מנורה ווייזט אויף נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג). די מיטלסדיגע חלק פון די מנורה, דער נר המערבי, איז מדליק אלע אנדערע נרות, צו ווייזען, אז די נרות מצוה פון די קינדער, דארף לייכטן און ברענען אין די ליכטיגקייט פון די עלטערן. אויף די זעלבע וועג וואס די עלטערן האבן געדינט דעם אייבערשטען, אויף דעם וועג דארפן די קינדער נאכגיין. דער נר המערבי טוט מדליק זיין די איבריגע נרות.

**די** קינדער דארפן וויסן, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, נאכדעם וואס מען איז זיי מחנך, דארפן זיי שטענדיג ארויפקוקן אויף די מול פני המנורה, אויף די מיטלסדיגע חלק. שטענדיג קוקן ווי אזוי דער טאטע פירט זיך, און ווי אזוי אונזערע זיידעס האבן זיך געפירט, און נאכגיין אין דעם וועג.

**ויעש** כן אהרן, אהרן האט אריינגעברענגט אין יודען דעם געדאנק און דעם כח, אל מול פני המנורה העלה נרותיה, ער האט אנגעצינדען אלע נרות צו די פנים פון די מנורה, און אלע האבן געברענגט און געשיינט אויף די מול פני המנורה, אויף די וועגן פון די עלטערן.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבה להחזקת הבית חינוך לבנות '**בנות חנה**' דקהלתנו במאנסי, שהתקיים בבית הר"ר **בנימין שלאמאן** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**רש"י** ברענגט צו די וואך (במדבר ח-ב), אז בשעת מען האט געמאכט די חנוכת הנשיאים, האט אהרן מיט זיין שבט נישט אנטייל גענומען אין די חנוכת הנשיאים. אלע נשיאים זענען אויסגערעכנט אויסער שבט לוי. און אהרן האט געהאט חלישות הדעת, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, חייך, שלך גדולה משלהם, דאס וואס דו וועסט טון, וועט זיין גרעסער פון דאס וואס זיי האבן געטון, ווייל דו וועסט מדליק זיין און מטיב זיין די נרות. די עבודה פון הדלקת המנורה, און הטבת הנרות, איז געווען דורך אהרן הכהן.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז, מען ווייסט וואס עס שטייט אין **אלשיך הק'**, אז דער אייבערשטער האט געהייסען ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו, מען זאל צוזאמענעמען געלט פון יודען, און מען זאל בויען א מקדש, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ב). ווען דער רבונו של עולם דארף א משכן, א דירה וואו צו וואוינען, דארף ער אז יעדער זאל געבן אפאר פרוטות און פון דעם וועט מען צוזאמשטעלן די משכן?! ער דארף אונזער געלט?! דער אייבערשטער קען אויפשטעלן א משכן אויף יענע וועלט, און עס אראפשיקן אויף די וועלט, און ער וועט האבן א פלאץ וואו צו וואוינען. און עס וועט נאך זיין הייליגער פון א משכן וואס מענטשן שטעלן אויף, אויף די וועלט. אבער דער אייבערשטער האט נישט אזוי געזאגט, ער האט געוואלט אז א יעדער יוד זאל האבן א חלק אינעם משכן, יעדער זאל מנדב זיין פון זיין טאש. ער האט נישט געזאגט וויפיל מען זאל געבן, נאר יעדער זאל געבן וויפיל ער האט א געפיל אין הארץ צו געבן, אזויפיל זאל ער געבן פארן משכן.

**זאגט** דער **אלשיך הק'**, כדי מען זאל קענען ממשיך זיין אז די השראת השכינה פון הימל זאל אראפקומען אויף די וועלט, האט אויסגעפעלט די תשוקה פון יודען. דורך דעם וואס א יוד איז משתוקק נאנט צו ווערן צום אייבערשטען, קומט דער אייבערשטער אראפ צו אים. כלל ישראל האט געוואלט אז דער באשעפער זאל רוען צווישן יודען, האט אויסגעפעלט א תשוקה פון יודען, צו מקבל זיין פני השכינה. ווי אזוי דערקענט זיך די תשוקה פון א יוד? ווען ער גיט אוועק פאר א געוויסע זאך, א זאך וואס איז ביי אים טייער, איז א סימן אז די זאך איז ביי אים חשוב. פארמעגן וואס א מענטש האט, איז דאס טייערסטע וואס ער פארמאגט. ווען א מענטש גיט אוועק זהב כסף ונחושת תכלת וארגמן, אבני שוהם און אבני מילואים, וואס מען האט געברענגט צום משכן, האבן יודען מיט דעם געוויזען זייער ליבשאפט צום אייבערשטען, און דאס האט ממשיך געווען די השראת השכינה אינעם משכן.

**זאגט** דער **אלשיך הק'**, עמודיו עשה כסף, דאס גייט ארויף אויפן משכן, רפידתו זהב, מרכבו ארגמן. וועסטו פרעגן, פון די זאכן מאכט מען א משכן פארן אייבערשטען? זאגט ער, תוכו, אין דער תוך, אין די פנימיות וואס ליגט אין דעם, רצוף אהבה מבנות ירושלים (שיר ג-י), איז באהאלטן ליבשאפט פון כלל ישראל צום אייבערשטען. ווען א מענטש גיט אוועק פאר א דבר של קדושה, פאר א דבר מצוה, א חלק פון זיין פארמעגן, איז א סימן אז ער איז מחשיב די זאך, און די זאך איז ממשיך די השראת השכינה.

**ווען** מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, האבן די נשיאים געפילט אז מען דארף עפעס ברענגען פארן אייבערשטען. מען האט אויפגעשטעלט א נייעם משכן פארן אייבערשטען, מען הייבט אן צו טון די עבודה, האט יעדער געברענגט א קרבן, ער וויל האבן א חלק אין די חנוכת המשכן. אין שבט איז געווען, שבט לוי, וואס זיי האבן נישט געהאט קיין חלק אין דעם. עס שטייט אין **ש"ך על התורה** (פ' קרח), וואס איז די סיבה אז שבט לוי האט נישט געברענגט צו די חנוכת הנשיאים. זאגט ער, יודען זענען געווען אין מדבר, און אין מדבר איז נישט דא גארנישט, עס איז ליידיג. פון וואו האבן זיי געהאט פארמעגן צו ברענגען פאר נדבת המשכן. ווען מען איז ארויסגעקומען פון מצרים, האט מען מיטגענומען א רכוש פון מצרים. שפעטער ביים ים האט מען גענומען ביזת הים, יודען זענען געווען אנגעלאדענט מיט זילבער און גאלד. עס שטייט אין די גמרא (בכורות ה.) אז יעדער יוד האט געהאט אומוויינינגסטן ניינציג חמורים, וואס זענען געווען טעונין מכספה וזהבה של מצרים.

**זאגט** דער **ש"ך על התורה**, דאס איז נאר געווען ביי די יודען וואס האבן געארבעט אין מצרים. ועבדום וענו אותם וגו', ואחרי כן יצאו ברכוש גדול (בראשית טו-יג), די וואס האבן געארבעט זענען ארויס מיט א רכוש גדול. אבער שבט לוי וואס האט נישט געארבעט אין מצרים, זיי זענען געזעסן און געלערנט אויך אין מצרים, האבן זיי נישט געהאט א זכות צו נעמען דעם רכוש גדול ווען מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים. יעדער יוד איז ארויסגעגאנגען מיט גאנצע וואגאנען מיט זילבער און גאלד, אבער שבט לוי נישט. און נישט נאר רכוש מצרים האבן זיי נישט גענומען, נאר אפילו ביזת הים, וואס איז שוין געווען הפקר, די מצרים זענען שוין געשטארבן, אבער אזוי ווי די געלט איז געווען שכר עבודה, וויבאלד זיי האבן נישט געארבעט, האבן זיי נישט גענומען.

**פאר** די חנוכת הנשיאים האט מען געדארפט ברענגען בהמות, און מען האט געברענגט קערות כסף פון שלשים ומאה משקלה, הונדערט און דרייסיג האבן געוואויגן די כלים, און מזרקות פון כסף, און א כף פון זהב. גאנצע כלים פון זילבער און גאלד, ווי דער פסוק רעכנט אויס דארט אין די פרשה. שבט לוי האט נישט פארמאגט גארנישט, זיי האבן נישט געהאט וואס צו ברענגען, האבן זיי נישט געברענגט צו די חנוכת הנשיאים, ווייל זיי האבן פשוט זיך נישט געקענט צושטעלן צו דעם וואס די נשיאים האבן געברענגט, האבן זיי נישט געברענגט.

**אבער** זיי האבן געהאט חלישות הדעת, יעדער ברענגט, און זיי נישט. מען איז מחנך א נייע זאך, און זיי האבן נישט א חלק דערין. האט דער

אייבערשטער געזאגט, חייך שלך גדולה משלהם, **עס איז דא מענטשען וואס ווען מען באנייט א נייע זאך ווערט ער ווארעם דערצו, עס איז א חנוכה, א נייע זאך, ווערט ער אנגעווארימט, און ער איז זיך משתתף. אבער א זאך וואס מען טוט נאכאמאל יעדן טאג די זעלבע עבודה, נאכאמאל צינדן די נרות, און נאכאמאל אנצינדען די מנורה, און עס איז דא דעות** (רמב"ם הל' תמידין ומוספין ג-יב) **אז מען האט אנגעצינדען די מנורה צוויי מאל א טאג, ביינאכט און צופרי, פארלירט מען די חשק דערצו.** האט דער אייבערשטער געזאגט, חייך, דיין עבודה איז גדולה משלהם. זיי זענען נאר ווארעם געווארן צו א חנוכת הנשיאים, צו א נייע זאך, אבער דו וועסט מדליק זיין, און מטיב זיין את הנרות, יעדן טאג וועסטו טון די זעלבע, און מגיד שבחו של אהרן שלא שינה, ווי עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז עס האט זיך נישט געטוישט, עס איז נישט אלט געווארן ביי אים די עבודה, ער האט שטענדיג געטון די עבודה מיט א פרישן התחדשות.

**מען** קומט זיך צוזאם מחזק צו זיין דעם נייעם מיידל שולע וואס מען האט אויפגעשטעלט אין מאנסי, א בית חינוך לבנות, אין א געוויסע זין איז עס נאך חנוכת הנשיאים, מען האלט נאך אין אנהייב, מען פלאגט זיך עס אהערצושטעלן. און ביי יעדע נייע זאך איז דאך כל התחלות קשות, סיי אין גשמיות, און סיי אין די צוגעהערן וואס מען דארף האבן דערצו, און פון דעסטוועגן דאך האבן זיך די יונגעלייט אריינגעווארפן דערין, און מען האט ב"ה אויפגעשטעלט אזא שיינעם מוסד. מען גייט שוין ב"ה אריין אין די דריטע כתה וואס ווערט אויפגעשטעלט דארט. - צו די חנוכת הנשיאים האבן מענטשען א געפיל, אבער אפילו מען האלט שוין נישט ביי די חנוכת הנשיאים, חייך שלך גדולה משלהם, מדליק זיין און מטיב זיין את הנרות, יודישע נשמות ווערן אנגערופן נר ה' נשמת אדם (משלי כ-כז), אז מען קען מדליק זיין, אנצינדען א יודישע נפש זאל נישט פארפאלן ווערן, און מטיב זיין את הנרות, אפילו מען קומט פון גוטע שטובער, טוט א מוסד מטיב זיין, עס טוט ארויסנעמען די פסולות, עס טוט אויסרייניגן און פארבעסערן די נר ה' נשמת אדם, איז א געוואלדיגער זכות די וואס נעמען אנטייל דערין.

**עס איז נישט נאר א זכות וואס איז לפי שעה, נאר עס איז א זכות וואס איז אויף דורות. א זאך וואס מען שטעלט אויף פון ניי, האט מען א זכות אין דעם אלע יארן שפעטער, וואס דער מוסד וועט אלץ אויפטון.** זאל דער אייבערשטער געבן פאר די אלע וואס טוען דערין, זיי זאלן געבענטשט ווערן מיט אלע ברכות שבתורה.

**די** מסיבה איז לעילוי נשמת פון רבי ישעי' פאללאק ע"ה, אלע האבן אים געקענט, וואס פאר א אדם חשוב מאד ער איז געווען. מען קען זאגן אויף אים, אז ער איז געווען א עוסק בצרכי ציבור באמונה מיטן פולן זין פונעםווארט. וואס ער האט געטון איז געווען מיט א ערליכקייט און מיט א געטריישאפט, און ב"ה די קינדער גייען אין זיינע דרכים. מען האלט נאך אינעם יאר, זאל דער אייבערשטער געבן, אז דער זכות פון די צדקה זאל מגין זיין אויף זיין נשמה, און עס זאל האבן א עליה.

**רבי** בנימין זאל זיין געזונט האט געמאכט זיין שטוב, ביתו פתוח לרוחה. אלע שטובער האט מען דא אויסגעליידיגט, כדי מען זאל קענען מאכן די מסיבה. מען האט אנגעהויבן די שטוב מיט א דבר מצוה, זאל אים דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל שטענדיג נמשך ווערן שמחות אין די שטוב. און קענען מגדל זיין אלע קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים, מתוך נחת והרחבה. און מיר זאלן אלע זעהן שמחות און נחת ביי אנזערע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת בהעלותך***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **אברהם שלמה פאפלאנאש** נ"י, בן הרב רבי **בנימין פאפלאנאש** שליט"א. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך

התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הרה"ג רבי **יעקב זיידה** שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד ויזניץ, שישב שבעה על פטירת אחיו ע"ה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **אברהם חיים אליהו** (בן הר"ר שרגא צבי הי"ו) **פישמאן** הי"ו, שהתקיים באולם באיאן.

אחר הפדיון הבן השתתף אצל החתונה של בת הרב **מאיר גראס** שליט"א (מרביץ תורה בת"ת בוומסב"ג), עב"ג בן הרב **פנחס טווערסקי** שליט"א (בן כ"ק האדמו"ר מסקווירא ב"פ זצ"ל), שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

משם נסע **רבינו שליט"א** להשתתף אצל הדינער לטובת מוסדותינו הק' בבארא פארק, שהתקיים באולם פאלאס, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז פאר מיר א כבוד צו באגריסן די אלע חשובע משתתפים וואס זענען זיך צוזאמגעקומען לטובת די החזקה פון די מוסדות, די תלמוד תורה און די מיידל שולע, דא אין בארא פארק. רש"י זאגט די וואך אין די פרשה, אויפן פסוק (ח-ב) בהעלותך את הנרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, אז עס איז געווען חלשה דעתו של אהרן, אהרן האט געהאט חלישות הדעת, אז נישט ער און נישט זיין שבט, האבן געהאט א חלק אין די חנוכת הנשיאים. ווען מען האט אויפגעבויט די משכן האבן אלע נשיאים געברענג קרבנות און נדבות צו די חנוכת המזבח, אבער שבט לוי האט נישט געהאט קיין חלק דערין, האט אהרן געהאט חלישות הדעת. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, חייך שלך גדולה משלהם, דיין עבודה איז חשוב'ער פון די חנוכת הנשיאים, שאתה מדליק ומטיב את הנרות, דו טוסט אנצינדען און מטיב זיין די נרות.

**לענינינו** קען זיין, די נרות קודש, דאס זענען כלל ישראל, נר ה' נשמת אדם (משלי כ-כז), וואס אויף דעם זענען געשטעלט די מוסדות התורה, וואס זיי טוען מדליק זיין די נרות, זיי געבן אריין א ווארימקייט צו תורה און עבודת ה', זיי טוען באלייכטן נשמות ישראל. און די יודען וואס האבן א חלק דערין, די וואס טוען אויסהאלטן און שטיצן די מוסדות התורה, די זענען די וואס צינדען אן די מנורה. זיי זענען מדליק די נרות, און זיי זענען מטיב די נרות, וואס אפילו עס ברענט שוין, דארף מען עס אסאך מאל פאררעכטן, און מען דארף זעהן בעסער צו מאכן וואס מען קען. און דאס איז, חייך, שלך גדולה משלהם, די עבודה פון מדליק זיין און מטיב זיין די נרות פון כלל ישראל, איז פון די העכסטע עבודות וואס איז חשוב ביים אייבערשטען, און דאס איז מער חשוב'ער פון די קרבנות וואס די נשיאים האבן מקריב געווען.

**און** דער פסוק זאגט, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות. אקעגן איבער די מנורה אין משכן, איז געווען דער שלחן, וואס איז רומז אויף עשירות, הרוצה להעשיר יצפין (ב"ב כה:). די יודען וואס זענען מדליק און מטיב את הנרות, באצאלט זיי דער אייבערשטער, 'אל מול פני המנורה', פון דאס וואס איז אויף די אנדערע זייט פון די מנורה, וואס דאס איז דער שלחן, אז זיי ווערן געבענטשט מיט עשירות.

**איך** האב געטראכט א ענין, וואס קען זיין פשט אין דעם וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, חייך שלך גדולה משלהם, אז אהרן'ס עבודה איז געווען גרעסער פון די עבודה פון די חנוכת הנשיאים. - די גמרא (תענית כה.) פארציילט, אז רבי חנינא בן דוסא איז געווען זייער ארעם, עס איז נישט געווען קיין פרנסה אין שטוב. כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני, וחנינא בני די לו בקב חרובין (שם כד:), ער האט נישט געהאט וואס צו עסן, נאר א קב חרובין. און עס האט זייער ווי געטון פאר זיין רעבעצין אז עס איז נישט דא וואס צו עסן אין שטוב. האט זי אים געמוטשעט אז ער זאל מתפלל זיין צום אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל אראפשיקן פון אויבן א עשירות, ער זאל האבן וואס ער דארף צו האבן אין שטוב. זי האט נישט געבעטן אז ער זאל גיין ארבעטן, זי האט פארשטאנען אז רבי חנינא בן דוסא איז נישט דערביי, האט זי געבעטן איין זאך, אז פון הימל זאל מען אראפשיקן א עשירות.

**רבי** חנינא בן דוסא האט מתפלל געווען, און אין הימל האט מען אנגענומען זיין תפלה, און מען האט אים אראפגעווארפען פון הימל א פיסל פון א טיש, וואס איז געווען פון גאלד, עס איז געווען א טייערער חפץ, און פון דעם האט מען געקענט לעבן. שפעטער האט זי געזען אין חלום, אז אלע צדיקים אויבן אין הימל זיצן ביי א טיש פון דריי פיס, און זיין טיש האט נאר צוויי פיס. האט זי פארשטאנען אז מען האט אוועקגענומען א פיס'ל פון זיין טיש אויבן, און מען האט עס אראפגעשיקט אונטען. האט זי געזאגט, אז מען זאל בעטן דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל עס צוריקנעמען. און עס האט פאסירט א נס, אז מען האט צוריקגענומען דעם פיס פון גאלד. און די גמרא זאגט, אז דער נס איז גדול מן הראשון, עס איז א גרעסערער נס דאס וואס מען האט צוריקגענומען, פון דעם נס וואס מען האט אראפגעגעבן פון הימל. ווייל אין הימל איז מען גוט, און אז מען האט איינמאל געגעבן, נעמט מען נישט צוריק.

**עס** איז דא א הייליג ווארט פונעם **יערות דבש** (ח"א דרוש ד', ח"ב דרוש י'), וואס שטעלט זיך צו פארשטיין די גאנצע מעשה. אין אנהייב ווען רבי חנינא האט מתפלל געווען אז מען זאל אים געבן עפעס פונעם הימל, האט רבי חנינא בן דוסא אויך פארשטאנען אז דאס גייט אויפן חשבון פון גן עדן, פון וואו דען וועט מען נעמען דאס געלט אין הימל. איז דאך דער טייטש אז ער האט אויבן אין הימל זכותים, און מען גייט אים עפעס געבן. אויב אזוי, מעיקרא מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר, פארוואס האט ער געבעטן דערויף מעיקרא, און פארוואס האט ער שפעטער חרטה געהאט אז מען זאל עס צוריקנעמען.

**און** וואס האט אים אזוי געאהרט אז יעדער זיצט ביי א טיש פון דריי פיס, און ער זיצט ביי א טיש פון צוויי פיס. איך מיין אז ווער עס זיצט דא ביי א טיש איז אים נישט קיין גרויסער נפקא מינה אויף וויפיל פיסלעך די טיש שטייט. וואס איז דער חסרון אז עס האט אים אזוי געפעלט א טיש מיט דריי פיס. - און פארוואס האט מען פונקט אראפגענומען א פיסל פונעם טיש, מען האט אים געקענט געבן פון הימל א אנדערע כלי. עס איז דא גענוג זילבער און גאלד וואס דער אייבערשטער קען אים געבן.

**נאכדעם** שטעלט זיך דער הייליגער **יערות דבש**, וואס איז אזוי גרויס דער נס אז מען האט צוריקגענומען דעם פיסל, פונקט ווי דער אייבערשטער איז גוט אז ער גיט, איז טאמער עס איז נישט גוט פארן מענטש אז ער זאל עס האבן, און דער מענטש בעהט אז מען זאל עס צוריקנעמען, איז דאס זיין טובה. דער אייבערשטער איז דאך כולו טוב, ער האט געגעבן ווייל עס איז גוט, און אז עס איז נישט גוט, און דער מענטש בעהט אז מען זאל עס צוריקנעמען, דארף ער עס צוריקנעמען. וואס איז אזוי גרויס דער נס, אז מען האט צוריקגענומען דעם כרעא דדהבא.

**זאגט** דער הייליגער **יערות דבש** זייער שיין. א מענטש איז מחוייב צו דינען דעם אייבערשטען מיט וואס דער באשעפער שיקט אים אונטער. וואס עס איז בידו, איז ער מחוייב עס אויסנוצען פאר כבוד שמים. אויב דער אייבערשטער גיט אים די מעגליכקייט צו לערנען תורה, דארף ער אוועקגעבן זיין קאפ און זיינע חושים פאר תורה. א צווייטער דארף עס אוועקגעבן פאר עבודה. און דעם וואס דער אייבערשטער האט געהאלפן אז ער האט פארמעגן, איז זיין עבודה אויף די וועלט צו טון גמילות חסדים, ארויסהעלפן פאר א צווייטן מיט וואס ער קען. דאס איז די שלשה דברים שהעולם עומד, תורה עבודה און גמילות חסדים (אבות א-ב).

**אמאל** איז אבער דא איינער וואס האט נישט קיין פארמעגן, און ער קען נישט געבן, אבער ער האט א תשוקה צו געבן, אין הארץ וואלט ער געגעבן. ווען ער וואלט ווען געהאט, וואלט ער געטון וואס ער וואלט געקענט. רחמנא לבא בעי (רש"י סנהדרין קו:), דער אייבערשטער דארף דעם הארץ. ווען א מענטש האט א השתוקקות צו טון א זאך, אפילו ער קען עס נישט אויספירן בפועל, אבער ער האט א השתוקקות, טוט עס דער אייבערשטער מחשיב זיין כאילו ער האט עס געטון. א ארימאן וואס האט א תשוקה צו געבן א מיליאן דאלער פאר צדקה, ווען ער וואלט געהאט וואלט ער געגעבן, ער קען נאר נישט. אויב האט ער א אמת'דיגע תשוקה, און

ער האלט דערביי, טוט עס דער אייבערשטער מחשיב זיין, כאילו ער האט עס געגעבן.

**זאגט** דער **יערות דבש**, רבי חנינא בן דוסא מיט זיין רעבעצין זענען געווען אזעלכע הייליגע יודען, בעלי נסים, זיי האבן נישט געדארפט קיין זילבער און גאלד כדי זיי זאלן זיך מתפרנס זיין, און לעבן א גוטן טאג אויף די וועלט. רבי חנינא בני, די לו בקב חרובין, ער באגענוגנט זיך מיט א קב חרובין. זי האט אבער גע'טענ'ט צו אים, ווען דו וועסט ארויפקומען אויף יענע וועלט, וועסטו האבן תורה און עבודה, אבער גמילות חסדים וועסטו נישט האבן, ווייל דו האסט נישט געטון קיין חסד. דו האסט נישט געהאט קיין געלט, און דו האסט נישט געטון קיין חסד. בעהט פונעם אייבערשטען, דער באשעפער זאל דיר געבן א אוצר מיט געלט, וועסטו קענען טיילן צדקה, און דו וועסט קענען זוכה זיין צו תורה און עבודה און גמילות חסדים. נו, דאס איז שוין א חשבון, בעהטן אז מען זאל אים ארפגעבן פונעם עולם הבא, כדי ער זאל קענען טון דערמיט מצות און מעשים טובים אויף די וועלט, איז חשוב'ער פון עולם הבא. עס איז טאקע יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא מכל חיי עולם הזה, אבער פון די אנדערע זייט איז יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי עולם הבא (אבות ד-טז). ענדערש זאל אים פעלן פון זיין עולם הבא, כדי ער זאל קענען טון מצות און מעשים טובים דא אויף די וועלט. האט ער געבעטן אז מען זאל אים געבן זילבער און גאלד, וועט ער קענען טון חסד. האט מען אים געגעבן.

**שפעטער** האט זי געזען אין חלום, אז זיינע חברים וואס זענען געווען אזעלכע ארימעלייט ווי ער, זיי זיצן ביי א טיש וואס האט דריי פיס, מען באצאלט זיי פאר תורה און עבודה און גמילות חסדים, און ער וואס האט באקומען דאס געלט, זיצט נאר אויף א טיש פון צוויי פיס. **ווייל ווען מען האט, און מען טוט זיך נישט אויפפירן מיט די געלט אזוי ווי עס דארף צו זיין, האט מען נישט קיין שכר דערפאר.** די צדיקים וואס האבן געהאט א השתוקקות צו געבן, אפילו זיי האבן נישט געקענט געבן בפועל, די האבן אלע דריי, תורה עבודה און גמילות חסדים, אבער רבי חנינא בן דוסא וואס האט באקומען די זאך, און עס איז בידו צו טיילן, קען דען א מענטש יוצא זיין ידי חובתו, און טון מיט די געלט די ריכטיגע זאך וואס ער וואלט געדארפט צו טון. האט ער געזען אז ער האט גאר פארלוירן. ביז יעצט האט ער געהאט א טיש מיט דריי פיס, און יעצט האט ער נאר א טיש מיט צוויי פיס. האט ער געזאגט, איך דארף דאך נאר דאס געלט כדי איך זאל קענען טון חסד, און אויב איך וועל עס נישט טון ווי עס דארף צו זיין, דארף איך נישט די גאנצע געלט. דער אייבערשטער וועט מיר העלפן, אז איך וועל עס האבן מיט מיין תשוקה. האט ער געבעטן אז דער רבונו של עולם זאל עס ביי אים צוריק צונעמען.

**דא** איז שוין געווען א פראבלעם אין הימל, וואס זאל מען טון. מען האט אראפגעשיקט א אוצר מיט געלט, וואס רבי חנינא בן דוסא דארף עס צו טיילן פאר עניים, פאר צדקה, פאר מוסדות התורה, און יעצט אז רבי חנינא בן דוסא בעהט אז מען זאל עס צוריק נעמען, נעמט מען דאך צו פון די עניים וואס זיי האבן געקענט האבן. איז דאך דא א סברא אז מען זאל עס נישט צוריק נעמען. אבער ותגזר אומר ויקם לך (איוב כב-כח), דער צדיק רבי חנינא בן דוסא בעהט אז מען זאל צוריקנעמען, דארף מען עס צוריקנעמען, איז דער נס געווען א גרעסערער נס. מען האט נישט געקוקט וויפיל יודען האבן זיך געקענט מפרנס זיין פון די צדקה, און מען האט צוריקגענומען זיין כרעא דדהבא. אזוי שטייט אין **יערות דבש**.

**די** מוסר השכל דערפון איז זייער גרויס. דער אייבערשטער דארף די מחשבה טובה פון א יוד. אוודאי אז ער קען טון, דארף ער טון וואס ער קען, אבער אסאך מאל קען מען נישט יוצא זיין ידי חובתו מיט דעם וואס מען האט געטון. אבער ווען מען האט א מחשבה טובה, די הארץ איז דערביי, פון דעם ווערט אויפגעבויט שפעטער א טיש וואס האט אויף זיך דריי פיס, תורה עבודה און גמילות חסדים.

**אלע** נשיאים האבן געברענגט צו די חנוכת המזבח, אבער שבט לוי האט נישט געברענגט צו חנוכת המזבח. עס שטייט אין **ש"ך על התורה** (פ' קרח), פארוואס האט שבט לוי נישט געברענגט. זאגט ער, יודען זענען געווען אין מדבר, עס איז נישט געווען קיין געלט, מען האט נישט געארבעט, מען האט

נישט געהאט פון וואו צו נעמען. אבער ווען מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים, האט דער אייבערשטער געזאגט, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול (בראשית טו-יד), מען איז ארויסגעגאנגען מיט געוואלדיגע רכושים פון זילבער און גאלד וואס מען האט מיטגענומען מיט זיך אינעם מדבר. דאס איז געווען ביזת מצרים. שפעטער איז געווען ביזת הים, ווען אלע מצריים זענען געשטארבען, און עס איז געבליבען סיי כסף און סיי זהב, זענען יודען ארויסגעגאנגען מיט א גרויס עשירות. די גמרא (בכורות ה.) זאגט, אז עס איז נישט געווען איינער וואס האט נישט געהאט וויניגער פון תשעים חמורים וואס זענען געווען אנגעפולט מיט כסף וזהב פון מצרים.

**זאגט** דער הייליגער **ש"ך על התורה**, שבט לוי איז ארויסגעגאנגען פון מצרים אן געלט, זיי האבן נישט געהאט גארנישט, ווייל די הבטחה פון ואחרי כן יצאו ברכוש גדול, איז געווען נאר נאך ועבדום ועינו אותם, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול, אבער שבט לוי וואס איז נישט געווען אינעם עינוי, זיי האט מען נישט געפייניגט, זיי זענען געזעסן און געלערנט אלע יארן אין מצרים, האבן זיי נישט געהאט קיין רעכט צו נעמען רכוש מצרים, זענען זיי ארויסגעגאנגען פון מצרים ליידיג. און נישט נאר רכוש מצרים האבן זיי נישט געהאט, נאר אויך ביזת הים איז נאר געווען פאר יודען וואס האבן געארבעט אין מצרים, אבער שבט לוי וואס האט נישט געארבעט, האבן זיי נישט געהאט קיין ביזת הים. שבט לוי איז ארויסגעגאנגען בעירום ובחוסר כל, זיי זענען אנגעקומען אין מדבר, און זיי האבן נישט גארנישט געהאט.

**ווען** עס איז געקומען און מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, און מען האט געדארפט האבן געלט פאר די חנוכת הנשיאים. ביי די חנוכת הנשיאים האט מען געברענגט זילבער און גאלד, ווי דער פסוק רעכנט אויס, עס איז געווען א קערה פון כסף שלשים ומאה משקלה, א כף פון זהב, און אזוי ווייטער (במדבר ז-יג), האט שבט לוי אויך געוואלט ברענגען צו די חנוכת הנשיאים, אבער זיי האבן נישט געהאט פון וואו, זיי זענען ארויסגעגאנגען אן געלט פון מצרים, האבן זיי נישט געהאט קיין חלק אין די חנוכת הנשיאים. אזוי שטייט אין **ש"ך על התורה**.

**זאגט** רש"י, ווען אהרן האט געזען ווי יעדער ברענגט, נאר זיין שבט ארימעלייט האבן גארנישט, חלשה דעתו, האט ער געהאט חלישות הדעת, אז דער אייבערשטער האט אזוי צוגעפירט אז נישט ער און נישט זיין שבט קענען האבן א חלק אין די חנוכת הנשיאים. האט עס אים זייער ווי געטון. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, איך דארף דען דאס געלט? איך דארף נאר דיין הארץ! שלך גדולה משלהם, דיין תשוקה צו געבן, דאס איז גדולה משלהם, דאס איז ביי מיר אסאך מער ווערט, ווי דאס וואס די נשיאים האבן געגעבן. רבי חנינא בן דוסא מיט זיין נישט געבן, האט געהאט א פיס פון גאלד, און מיט זיין יא געבן, האט ער עס פארלוירן. ווייל דער עיקר ביי א יוד איז, צו געבן מיטן גאנצן הארץ. וואס מען גיט האט א עקסטערע ברכה אין זיך, ווען מען גיט עס מיט א מחשבה טובה, ווען מען גיט עס מיט א געפיל, און מען זוכט מדליק צו זיין און מטיב זיין די נרות. דאס איז שלך גדולה משלהם, דיין נישט געבן, איז חשובער אויבן אין הימל פון די חנוכת הנשיאים וואס האבן יא געגעבן.

**אז** דער אייבערשטער העלפט אז מען קען געבן, דער אייבערשטער העלפט אז מען האט א גוט הארץ צו געבן, און מען גיט עס מיטן גאנצן הארץ, ולא ירע לבבך בתתך לו, עס טוט נישט ווי דאס הארץ ווען מען גיט פאר צדקה, און מען גלייבט אז כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך (דברים טו-י). **מען לעבט היינט אין א מדינה, ווי אזוי די גאס קוקט אויס ווייסט יעדער איינער, יעדעס קינד וואס גייט אין א תלמוד תורה, יעדעס מיידל וואס קומט אריין אין א מיידל שולע, און זי באקומט א געהעריגע חינוך, זי באקומט א חינוך פון ווארימקייט צו תורה און עבודת ה', האט מען מציל געווען נישט נאר דאס קינד אליין, נאר מען האט מציל געווען כמה דורות.** אז מען איז מחזיק א מוסד פון הונדערטער קינדער ב"ה, וואס לערנען אין די צוויי מוסדות, האט מען א געוואלדיגן זכות אין מדליק זיין און מטיב זיין את הנרות, און עס איז זיכער דא די ברכה אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, אז דער אייבערשטער וועט ממלא זיין דורך די שלחן וואס איז אויף די אנדערע זייט פון די מנורה, אז מען זאל קענען געבן, און מען זאל זעהן נחת ביי די אייגענע

קינדער. די גמרא (שבת כג:) זאגט, אז ווען איינער איז מקיים די מצוה פון נר, איז מען זוכה אז מען האט קינדער תלמידי חכמים. אז מען איז מדליק און מטיב די נרות קודש, איז מען זוכה צו האבן אייגענע קינדער תלמידי חכמים און יראי ה'.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער טון צדקה און חסד מיטן גאנצן הארץ. מען דארף ארויסברענגען די עסקנים וואס געבן זיך אוועק פאר דעם מוסד, דער מנהל רוחני און מנהל גשמי וואס לייגן אריין אויסערגעוועגליך אסאך כוחות מטיב צו זיין די נרות. מען באגענוגנט זיך נישט מיט וואס מען האט, נאר מען וויל בעסער מאכן, און שענער מאכן, מיט וואס מען קען, בגשמיות וברוחניות, אז עס זאל זיין א מוסד לשם ותפארת, ארויפצוברענגען יודישע קינדער, יודישע דורות אין דעם בית חינוך. זאל זיי דער אייבערשטער בענטשען, אין דעם זכות וואס זיי טוען, זאלן זיי זעהן נחת ביי זייערע אייגענע קינדער. און אונז אלע אינאיינעם זאלן מיר זוכה זיין בקרוב אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר הדינער השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת ש"ב הרב **שמעי' דוד פאללאק** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **אהרן שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתנים והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת בהעלותך***

**בשעות הצהרים הגיע הרה"ג רבי אהרן שמואל פרענקל שליט"א** גאב"ד חוג חתם סופר ירושלים (מ"מ אביו הגה"צ רבי נפתלי הירצקא פרענקל זצ"ל, חבר בד"ץ עדה החרדית), לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו שליט"א התעניין על בית מדרשו והכולל אמרי בינה שתחת הנהלתו**

**רבינו:** וואס לערנט מען יעצט אין כולל?

**הגרא"ש:** מען האלט יעצט ביי הלכות ברכת המזון. דער **חתם סופר** (בשו"ת או"ח סימן מ"ט) שטעלט זיך אויף די גמרא (ברכות כ:) אז דער אייבערשטער איז נושא פנים פאר אידן, ווייל אין די תורה שטייט ואכלת ושבעת וברכת, און זיי זענען מדקדק צו בענטשן אויף א כזית, און א כביצה. אז לכאורה איז שווער, ווי אזוי קענען זיי מחמיר זיין צו בענטשען אויף א כזית, מען איז דאך עובר אויף לא תשא את שם ה' אלקיך לשוא (שמות כ-ז), מען טאר נישט מאכן א ברכה וואס מען איז נישט מחוייב. זאגט דער **חתם סופר** אז זיי זענען שוין זאט געווארן אפילו פון ווייניגער פון א כזית. און ער זאגט אז עס איז קרוב לודאי אז מען איז שוין מחוייב מיט ברכת המזון אויף שביעה אליינס, אפילו עס איז פחות מכזית. און אידן זענען מדקדק אז אפילו נאך די שביעה, האבן זיי צוגעגעסן ביז א כזית.

**רבינו:** ער ברענגט צו די גמרא (יומא לט.) אז ביי די לחם הפנים האט יעדער כהן באקומען א שטיקל וואס איז גרויס ווי א פול, און זיי זענען זאט געווארן מיט ווייניגער פון א כזית. זעהט מען אז עס איז דא א שביעה ביי ווייניגער פון א כזית[א].

**הגרא"ש:** דער טאטע ז"ל אין זיין ספר **שו"ת אמרי בינה** (סימן כ"ח) וויל זאגן פשט, אז דאס וואס די גמרא זאגט, והם מדקדקין על עצמם עד כזית עד כביצה, רעדט די גמרא פאר די תקנת חכמים וואס זיי האבן מתקן געווען אז מען זאל בענטשען אויף א כזית, און עס איז געווען א חיוב מן התורה נאר כדי שביעה, דעמאלטס האבן זיי מדקדק געווען על עצמם אז זיי זאלן עסן א כזית. די לשון פון

[א] כן הוא **בחתם סופר** (בשו"ת או"ח סימן קמ אות ב) וזה לשונו: דאין חיוב מצות עשה על האוכל קדשים שיאכל כזית, דאם כן לא היו רשאין לחלק הקדשים לכמה כהנים שיגיע לאחד כפול, ואין שום אחד מהם מקיים מצות עשה בכל הקדשים, חוץ מפסח שבו מחוייב כל אחד לאכול כזית, אבל שארי קדשים מצות עשה הוא שיהיה זה הלחם הפנים או המנחה והחטאות נאכלים ולא יותירו ממנו, ובהצטרפם יחד לאכלו כולו, נתקיים מצות עשה ואכלו אותם אשר כופר בהם. ומכל מקום מי שמגיעו כפול ושבע ממנו, או כזית אפילו אינו שבע ממנו, הוי ליה אכילה ומצוה חשובה היה חולק, אבל כשמגיע כפול אינו אלא סניף למצות עשה על ידי צירוף כולם וכו' ע"ש. ועיין בספר **מוצל מאש** (סימן נא) **ובמנחת חינוך** (מצוה קלד אות א). וראה עוד מה שהאריך **רבינו שליט"א** לפלפל בדבריו בדרשת שבת שובה שנת תשע"א לפ"ק (נדפס **בשמן ראש** ימים נוראים ח"ב דף רפז).

מדקדקין על עצמם, איז אויך משמע אז עס איז נישט געווען מצד החיוב, נאר מצד הדקדוק. און שפעטער האבן די חכמים מתקן געווען אז מען זאל בענטשען ברכת המזון אויף א כזית, אפילו מען איז נישט זאט געווארן.

מיט דעם איז ער מיישב די קשיא פון מיין זיידע (**הגאון רבי ישכר דוב גאלדשטיין זצ"ל** רב חוג חתם סופר, ור"י שומרי החומות) אין **ליקוטי הערות**, ער ברענגט אראפ בשם **שו"ת שאילת יעקב** (סימן כ"ג), אז זיי פרעגן אויפן **חתם סופר**, וואס איז די קשיא אז עס איז א ברכה לבטלה, די חכמים האבן דאך א כח צו זאגן ווען מען זאל יא מאכן א ברכה און ווען נישט, וואס איז די קשיא פונעם **חתם סופר** אויף לא תשא. אבער לויט דעם רעדט זיך די גמרא, פאר די חכמים האבן מתקן געווען צו בענטשען אויף א כזית, אפילו עס איז ווייניגער פון כדי שביעה.

**רבינו:** ווען א מענטש לויבט דעם אייבערשטען, איז ער בעצם נישט עובר אויף לא תשא. ווען ער זאגט ברוך אתה ה', איז ער נישט עובר אויף לא תשא, טאר ער דען נישט זאגן א ברכה פארן אייבערשטען?! גאנץ תהלים איז פול מיט פסוקים וואס מען איז מברך דעם אייבערשטען. וואס איז אויב ער זאגט אז דער אייבערשטער איז געבענטשט ווייל ער איז מוציא לחם מן הארץ, פארוואס הייסט עס ער א מוציא שם שמים לשוא. עס איז נאר נאך די תקנת חכמים, וואס די חכמים האבן מתקן געווען אז מען זאל נישט זאגן דעם נוסח פון א ברכה ווען מען איז נישט מחוייב, דעמאלטס איז דא די לאו פון לא תשא. דער גאנצער לא תשא האט זיך נאר גענומען מכח דעם וואס די חכמים האבן עס געמאכט פאר א ברכה. די חכמים האבן א כח צו מאכן נאך ברכות, וואס ביי דעם איז נישט דא קיין לא תשא. אבער די עצם זאך אליין איז נישט לשוא, ער גיט א שבח והודאה פארן אייבערשטען (ועיין **בשו"ת אמרי בינה** (שם) מה שכתב בזה).

**רבינו שליט"א העניק לו ספר שמן ראש ובירכו בברכת ברכה והצלחה להגדיל תורה ולהאדירה**

*

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לכבוד האירוסין של החתן **אליעזר שלום שפיערער** נ"ו, בן הר"ר **יחזקאל שרגא זאב שפיערער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **נפתלי אינדיג** הי"ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **חנני' יו"ט ליפא שפיטץ** הי"ו (בן הר"ר **שלמה צבי שפיטץ** הי"ו, בעל האכסניא בפאלם ספרינגס), עב"ג בן הר"ר **משה טובי' גדלי' ראזנבערג** הי"ו, שהתקיים באולם ספינקא, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**כל** מה שיאמר לך בעל הבית עשה (פסחים פו:), רבי הערשל איז מיין בעל הבית, איך שטיי שוין איין ביי אים אזויפיל יארן, מוז מען פאלגן.

**די** וואכעדיגע פרשה הייבט זיך אן, בהעלותך את הנרות אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות (ח-ב), ווען מען האט אנגעצינדען די מנורה, איז געווען די מצוה, אז די זעקס קנים פון די מנורה, דארפן זיך בייגען אל מול פני המנורה, צו די מיטלדיגסטע חלק פון די מנורה. די מיטלסדיגסטע חלק ווערט אנגערופן די מנורה, און די איבריגע ווערן אנגערופן די קני המנורה. די קני המנורה האבן זיך געדארפט בייגן צו די מנורה.

**עס** קען אפשר זיין א רמז דערין. די גמרא (פסחים מט.) זאגט, אז א שיינער שידוך הייסט ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל. טרויבן מיט טרויבן, ווען עס ווערט מקושר איינס מיטן אנדערן, איז עס א שיינע זאך, און עס ווערט אנגענומען. פארוואס האט מען אויסגעקליבן פונקט ענבי הגפן בענבי הגפן. עס איז דא אסאך ערליי פירות, זאל ער זאגן צוויי שיינע רמונים, אדער צוויי שיינע תמרים, פארוואס האט מען אויסגעקליבן ענבי הגפן בענבי הגפן.

**עס** קען אפשר זיין דער ענין דערפון, די גמרא (שם) זאגט, לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו, א מענטש זאל פארקויפן אלעס וואס ער האט, וישא בת תלמיד חכם, און ער זאל נעמען א טאכטער פון א

תלמיד חכם, וישיא בתו לתלמיד חכם, און ווען ער האט א טאכטער זאל ער איינזעצן א איידעם א תלמיד חכם. מען זאגט נאך פונעם **חזון איש זי"ע**, אז ער האט געזאגט, אז היינטיגע צייטן וואס מיידלעך לערנען אין די מיידל שולע, האט יעדע יודישע טאכטער וואס לערנט אין א בית חינוך די דין אזוי ווי א בת תלמיד חכם. ווייל די סיבה פארוואס מען דארף נעמען א בת תלמיד חכם איז, ווייל אזוי ווי זי איז ערצויגן געווארן אין א שטוב פון תורה, האט זי צוגעזעהן ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. א טאכטער פון א תלמיד חכם איז ערצויגן געווארן אויף ערליכקייט. היינט וואס די מוסדות געבן די מעלה פאר א קינד, האט זי אויך דעם דין ווי א בת תלמיד חכם (**מעשה איש** ח"א דף עב). אבער דאס איז שוין נאר א נאכגעמאכטע בת תלמיד חכם, די עיקר חשיבות איז, ווען עס איז דא ביידע סארט בת תלמיד חכם. אז מען איז אליין א טאכטער פון א תלמיד חכם, און מען ווערט ערצויגן אין א גוטען מקום, דאס איז די חשיבות פון א שידוך.

**זעהט** מען אז ביי א שידוך איז נישט גענוג אז מען קוקט ווער די חתן און כלה זענען, נאר עס האט אויך צו טון פון וואס פאר א שטוב מען קומט. מען דארף קוקען אויף די עלטערן, מען דארף נעמען א בת תלמיד חכם, א קינד וואס קומט פון א שטוב פון תורה, ווייל דאס איז די פראכט ביי יודען, אז מען קוקט אייביג ארויף אויף די עלטערן, אויף די זיידעס, אויף די פריערדיגע דורות, און מען איז ממשיך די זעלבע וועג אויף ווייטער, ווען מען דארף אויפשטעלן א נייע שטוב. ווען מען נעמט א קינד וואס קומט פון א שטוב פון תורה, ווערט שפעטער נמשך די שטוב אויך אויפן זעלבן וועג.

**די** גמרא (מגילה טז:) זאגט, אז יין ישן איז דעת זקנים נוחה הימנו. יוסף האט געשיקט פאר יעקב יין ישן, אלטע וויין, ווייל דעת זקנים איז נוחה הימנו. עס שטייט אין די מפרשים, אז א יעדע מאכל, ווי עלטער עס ווערט, ווערט עס קאליע. עס ווערט פארטרוקענט און פארשימעלט, עס איז נישט די זעלבע וואס עס איז געווען. די זעלבע איז אויך יעדע משקה, א משקה וואס איז פריש, איז באטעמ'ט. אבער ווי עלטער עס ווערט, ווערט עס אלץ ערגער. וויין איז די איינציגסטע משקה, וואס ווי עלטער עס ווערט, ווערט עס אלץ חשוב'ער. וויין פון אסאך יאר צוריק, האט א גרעסערן חשיבות פון וויין וואס איז אלט נאר א פאר יאר. יין איז די איינציגסטע זאך ווי מען זעהט אז זקנה האט א חשיבות, און וועגן דעם איז דעת זקנים נוחה הימנו. א זקן קוקט זיך אסאך מאל אן, אז ער איז שוין צובראכן, ער איז שוין אויף די עלטער, אבער ווען ער קוקט אן יין ישן, זעהט ער, אז יין ישן האט אין זיך א חשיבות. וועגן דעם איז דעת זקנים נוחה הימנו, די זקנים ווערן רואיג ווען זיי זעהן יין, ווייל ביי יין ישן זעהט מען אז עלטער האט א חשיבות. ווי עלטער עס איז, ווערט עס אלץ בעסער.

**א** שיינער שידוך איז טייטש, ווען עס איז ענבי הגפן בענבי הגפן, ווען עס האט אין זיך די מעלה פון וויין. וואס ביי וויין זעהט מען אז עס איז דעת זקנים נוחה הימנו, ווי עלטער עס איז, ווי ווייט מען גייט צוריק, נאך א דור ארויף, און נאך א דור ארויף, זעהט מען אלץ די שיינקייט פון די שטובער. דאס איז ענבי הגפן בענבי הגפן, פון ביידע זייטן איז דא די בחינה פון גפן. עס איז יין ישן, עס איז דעת זקנים נוחה הימנו, פון ביידע צדדים. ווען א תלמיד חכם נעמט א בת תלמיד חכם, דעמאלטס איז עס א דבר נאה ומתקבל, עס איז א שיינע שידוך.

*

**איך** האב געזען אמאל שטיין, אז דער מנהג איז, אז די נשים צינדען צוויי ליכט אויף שבת. די רמז דערפון איז, אז א מאן האט רמ"ח אברים, און א אשה זאגט די גמרא (בכורות מה.) האט רנ"ב אברים, צוזאמען האבן די מאן און די ווייב פינף הונדערט אברים. 'נר' איז בגימטריא צוויי הונדערט און פופציג. צוויי מאל נר, איז פינף הונדערט. צינדט מען אן שני נרות, וואס איז מכוון אקעגן די זיווג פון א מענטש, וואס צוזאמען האבן זיי פינף הונדערט אברים אזוי ווי די מספר פון צוויי מאל נר (עיין **במטה משה** (ח"ג פרק א' אות ב') מה שהביא בשם **התשב"ץ**).

**קומט** אויס אז א שידוך איז אזוי ווי צוויי נרות, וואס צוזאמען איז עס די מספר פון פינף הונדערט.

בהעלותך את הנרות, בשעת מען וויל אנצינדען די נרות, בשעת מען וויל אהערשטעלן א נייע שטוב, וואס דארט קומט זיך צוזאם איש ואשה וואס איז שכינה שרויה ביניהם, וואס איז מרומז אין די מספר פון צוויי נרות. איז די חשיבות פון די נרות, ווען עס איז 'אל מול פני המנורה', ווען מען קוקט אויף די מיטלדיגסטע חלק וואס איז דער שורש, וואס איז א רמז אויף די עלטערן, די זיידעס דור אחר דור. די קני המנורה, די קינדער וואס קומען ארויס פון די מנורה, דארפן אלץ קוקען אל מול פני המנורה. זיי דארפן ארויפקוקען אויף די אבות, און דעמאלטס יאירו שבעת הנרות, דעמאלטס קענען לייכטן יודישע שטובער.

*

***<u>שבת קודש פרשת בהעלותך</u>***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **אשר כהנא** הי"ו, שהתקיים בבית חמיו הר"ר **מתתי' פישער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות.